אַ פּוּרים־באַל.

ז. ווענדראָף.

פּרייז [illegible] קאָפּ.

פערלאג „יהודיה", ווארשא — ווילנא.

1913.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

649

אַ פּורים־באַל

ПРАВОЖИТЕЛЬСТВО

.VIII

Очеркъ изъ еврейской жизни

ВИЛЬНА.

Типографія Ф. Гарбера Завальная ул. д. 25

I.

צוויי צופעליגע מיטרייזענדער זענען מיר געזעסען פורים ביינאכט אויף א קליינער סטאנציע אין איינער פון די טיעף־רוסישע גובערניעס, און, ווארטענדיג אויף דעם צוג, האבען מיר געטרונקען טהעע און געשמועסט וועגען דעם, ווי דארט, אין דער „היים”, פראוועןֹ איצט יודען די סעודה, עס קומען פורים־שפיעלער און מען מאכט זיך פרעהליך.

— יא, יודען קענען זיך נאר מאכען פרעהליך—רופט זיך אן מיין מיטרייזענדער, — א יוד פון איבער פערציג, אבער שוין מיט א מיעדען אויסדריק אין די אויגען, — אויף אנ'אמת פרעהליך זיין, קענען יודען נישט.

און קוקענדיג א ווײַלע פערטראכט, ווי די צוקער אין זיין גלאז טהעע צוגעהט און הויבט זיך אויף אין דער הויך אין ליעבעדיגע פערימלעך און שפרינקעלעך, שאפענדיג פון אויבען א ווייסליכע שוים,—האט ער לאנגזאם אנגעהויבען:

— אט וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אזוי יודען האבען

זיך געמאַכט פֿרעהליך און וועגען אַ פּורים־שפּיעל, וואָס איז גאָרנישט געווען פֿרעהליך, האָטש געענדיגט האָט ער זיך דוקא פֿרעהליך, מען מעג זאָגען מיט אַ נס.

געווען זענען מיר פֿינף אונזערע אויף דער סטאַנציע ניעביוואַלאָוואָ, אין קורסקער גובערניע, און דאָס געשעפֿט אונזערער איז געווען תבואה, דער עיקר ווייץ און מעהל, קורסקער ווייץ און מעהל, וואָס האָט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט.

אויף דער נעבענדיגער סטאַנציע גרוזאָוואָ, זענען געזעסען נאָך דריי יודען, און אויף אַ סטאַנציע ווייטער — נאָך צוויי יודען, און אַזוי אויף אַלע „אוזלעוואַיע" סטאַנציעס פֿון דער גאַנצער „ווייצענער גובערניע" זענען געזעסען צו צוויי־דריי יודען, וואָס האָבען ענטוויקעלט דעם ברויט־האַנדעל ביז צו דער העכסטער מדרגה און פֿערזאָרגט לאָנדאָן, פּאַריז, בריסעל און אַנדערע אייראָפּעאישע שטעדט מיט ווייצענע בולקעס, כּדי מיר זאָלען דאָ האָבען ברויט.

ברויט האָבען מיר אפֿילו געהאַט, אָבער מקנא צו זיין אונז, איז נישט געווען וואָס. נישט נאָר מחמת דער עצם תבואה־מסחר איז אַ קאָרטען־שפּיעל, וואָס אָט האַפּט איהר די גראָבע מטבע און אָט ווערט איהר פֿערברענט מיט אייער אייגענעם און לייטישען קאַפּיטאַל, — צו דעם איז מען שוין, ברוך השם, געוועהנט געוואָרען. און אַגב, וועלכער יודישער געשעפֿט האָט דען יאָ אַ פֿעסטען יסוד? — ביטער איז די אַלטע צרה אונזערע — די פּראַוואָזשיטעלסטוואָ: קיינער כּמעט פֿון די אַלע, וואָס זענען געזעסען אויף די סטאַנציעס, האָט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ נישט געהאַט, איז, מילא, איינער אַליין גיט מען זיך שוין ווי עס איז אַן־עצה. כּל־זמן אַן־אוריאַדניק וועט באַקומען 18 רובל אַ חודש

אויף זיך מיט'ן פערד. וועלען זיך יודען נאָך אַלץ קאָנען אַנ'עצה געבען; אָבער פון בעזעצען זיך דאָרטען מיט אַ פאַמיליע, איז נישטאָ וואָס צו קלערען.

פערשטעהט איהר דאָך שוין, וואָס פאַר אַ לעבען מיר לעבען אָב, מען וואַלגערט זיך אין אַ גוי'אישער חאַטקע, וואָס אַחוץ אַ בעטעל, אַ ווײַס טישעל, צווײַ הילצערנע בענקלעך און אַ בעזים אין ווינקעל, וועט איהר קײַן אַנדער מעבעל נישט געפינען, אויב מען זאָל די שפּינוועבס, וואָס הענגט אין די ווינקלען און איבער די פענסטערלעך, נישט רעכענען פאַר גאַרדינען און פּאָטריערען. אָבער אַפּילו אין די דאָזיגע פּאַלאַצען קומט אונז נישט אויס אָפט צו נעכטיגען. אונזער עסק איז אַזאַ, וואָס טרײַבט אַרום, און דאָס רוב קומט אונז אויס צו פערברענגען די נעכט אין די וואַגאָנעס, חאַפּענדיג אַ דרימעל אויף די האַרטע בענק מיט'ן פּאַלטאָ צוקאָפּענס.

נאָך אַזאַ שלאָף, שטעהט מען אויף אַ מידער, מיט צו-בראָכענע בײַנער און מיט דעם טעם פון זויערען טשאָלענט אין מויל.

נאָר דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר איז, וואָס מען איז פרעמד און אָבגעריסען פון דערהײַם, די נאָהנטע יודען, קאָנאָטאָפּער, ראָמענער, גלוחאָווער, פּאָלטאַווער, חאַפּען זיך נאָך אַמאָל אַראָב אויף אַ שבת אַהײַם, שלאָפען זײַ דאָרטען אויך אָב דעם גאַנצען מעת-לעת, אָבער די ווײַטע,—די ליטווישע און בעסאַראַבער — הלואי אײן מאָל אין יאָהר. אי דאָס נישט אויף אַ יום-טוב—דאַמאַלס איז גראָד דער רעכטער סעזאָן — נאָר אין מיטען זומער, אין דער שטילער צײַט.

און אָט אַזוי ווערען דאָרטען, אין דער הײַם, געבוירען

קינדער, האָרעוועָן זיך אויס, לערנען זיך, אָרדנען זיך איין און לעבען, האָבען חתונה כמעט נישט קענענדיג דעם טאַטען, אַזוי גוט ווי דער טאַטע קען זיי נישט, פרעמד און אונפערשטענדליך איינער פאַר'ן צווייטען.

געוועָן ביי אונז יודען, וואָס זענען צו דרייסיג יאָהר געזעסען אויף די סטאַנציעס, צוויי דריטעל פון זייער לעבען פערבראַכט אין די וואַגאָנעס, נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען, געהאַוועט, געטריקענט די מוחות, שטענדיג געלאָפען, ווי מען זאָגט, דעם מלאך־המות אַנטקעגען, און אַלץ, פערשטעהט זיך צוליעב קינדערס וועגען: קינדער זאָלען זיין לייט, זיך קענען לערנען אין די גימנאַזיעס, ענדיגען אוניווערזיטעטען, האָבען פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און נישט דאַרפען וואַלגערען זיך, ווי דער טאַטע. ווייסט איהר זשע, וואָס דער שכר זייערער אין געוועָן?— די קינדער האָבען זיך שפּעטער געשעמט מיט'ן טאַטען, וואָס „חאָרחעלט“ און רעדט רוסיש נישט „פאָגראַמאַטיקע“.

און אַלץ, פערשטעהט זיך דערפאַר, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין מיט זיי צוזאַמען, ווייל זיי זענען פרעמד און אָבגעריסען איינער פון צווייטען.

אָט וואָס עס דריקט אונז מעהר פון אַלץ — די פּראַוואָזשיטעלסטוואָ מיט איהרע פאָסלעדסטוויעס!

יאָ, זיצען מיר, הייסט עס, איינמאָל עטליכע אונזערע; איך, איינער אַ ליטוואַק משה היימאָוויטש, אַ געוועזענער וואָלאָזשינער עילוי און אַ יוד אַ חכם עתיק, וואָס וואו נאָר אַ ברירה, איז באַלד צו איהם, איינער אַנ'עקספּאָרטער ראַבינאָוויטש, וואָס אַ קוק טהון אויף זיין הויכען שטערען מיט די טיעפע ווינקלען, קען מען מיינען. ווער ווייס וואָס פאַר אַ חכם ער איז, און וואָט

איז, באמת אַ שוטה גמור, און אַ ברויט-מעקלער, אַ גע-וויסער מאַטושעוויטש, אַ יוד מיט אַ טײַערען אַפּעטיט, מיט אַ „מאָגען פון בלעך, געטינקעוועט מיט פּעך", ווי מען פלעגט בײַ אונז זאָגען, און מיט אַ גאָלדענעם כּלל אין לעבען: „פּערע-מעליעטסיאַ, מוקאַ בודיעט" און ווײַטער זאָרגט ער נישט.

זיצען מיר אַזוי און שמועסען וועגען שלעכטע צײַטען, וועגען דעם, ווי מען האָט זיך לעצטענס צו אונז גענומען גאָר אויף דאָס-נײַ, און ווידער אַמאָל וועגען קינדער. רופט זיך אָב מאַטושעוויטש:

— וואָס טויג אייך זאָרגען? „פּערעמעליעטסיאַ מוקאַ בודיעט"... אָט איבערמאָרגען האָבען מיר פּורים, טאָ לאָמיר זיך אַלע אַראָבכאַפּען קײַן קורסק צו ברוידאַ'ן און אַ פּראַווע טהון אַ סעודה — אַ רויך, זאָל געהן.

הײַמאָוויטש האָט זיך אַ קרים געטהון: אַ יוד אַ פּעסימיסט בטבע — נאָר מיר איז דער פּלאַן געפעלען.

מאַרקוס ברוידאַ, דער הויפּט-אָבנעהמער אונזערער, איז גאָר פון די רײַכע יודען אין קורסק. ס'הייסט, די עשירות זײַנע ווייס קיינער נישט, נאָר דאָס געשעפט טרײַבט ער גרויס, אין די מיליאָנען, און פיהרען פיהרט ער זיך ברײַט: מיט דער גרויס-אַרטיגער דירה, מיט די סך משרתים, מיט דעם אייגענעם וויעזד, קורץ, מיט'ן גאַנצען שיק, וואָס איהר קענט בעגעגענען נאָר בײַ גרויסע ברויט-עקספּאָרטערען, וואָס ספּעקולירען אויף דער בערזע און וואָס די הונדערטער טויזענדער שווימען בײַ זיי צווישען די פינגער, ווי וואַסער. מען הענגט שטענדיג אויף אַ האָהר, אָבער כּל-זמן די ראָד דרעהט זיך, ווערט געלעבט אויפ'ן ברײַטען אופן.

און געבען די פיינע וועטשערע האט ער אויך נישט פיינד געהאט. דער ברוידא, דארפט איהר וויסען, איז אגעוועזענער משרת — געדיענט ביי ראבינזאהן עט כהן, א פריקאזטשיקעל געוועזען — און איצט, פערשטעהט איהר מיך, שטעהט ער אזוי הויך, אז ראבינזאהן און כהן דארפען גוט די קעפ פעררייסען ארויפצוקוקען צו איהם. און, ווי דאס רוב אויפגעקומענע גבירים, האט ער ליעב צו בעווייזען, ווי מען זאגט, „את רוב עשרו": די גרויסע סאליעס מיט די פערגאלדעטע מעבעל און גרויסע שפיגלען, דעם רייכען קאבינעט, אפילו אין וואנע-צימער פלעגט ער יעדערען פיהרען בעווייזען, „וואס הייסט א באדע-צימער"...

געסט פלעגט ער אויפנעהמען מיט דער גאנצער פאמפע און מיט'ן גאנצען קנאק. בפרט אונז, וואס מיר האבען מיט איהם געמאכט אבאראטען אין די הונדערטער טויזענדער. אזוי וועט ער זיך מיט אייך רייסען איבער אנ'אכטעל קאפיקע, נאר אז עס קומט צו מכבד זיין, איז א פאר מאות אויך בלאטע.

איז אז מאטוסעוויטש האט א זאג געטהון פראווען די סעודה ביי ברוידא'ן, האבען מיר באלד דערשמעקט דעם ריח פון געבראטענס און דערפיהלט דעם טעם פון א רעכט גלעזעל וויין.

רופ איך זיך אב צו איהם:

— אויף דער סעודה צו ברוידא'ן,—ס'איז באלד א פלאן. מען דארף אבער זעהן, ס'זאל זיין א היבשער עולם, מען זאל טאקי קענען אביסעל לוסטיג מאכען זיך און פערגעסען אין די צרות".

רופט זיך אב מאטושעוויטש:

— דאס לאזט מיר איבער. איך וועל שוין זעהן די גאנצע

ליניע זאָל דאַרטען זײַן . עס וועט זײַן חי געלעבט. און נישט גענאַרגט : „פּער עמעליעטסאַ—מוקאַ בודיעט" !..

— דער עיקר אָבער — זאָג איך, — זאָלט איהר נישט פערגעסען מיטברענגען פּאָזשאַריק'ן, אָהן פּאָזשאַריק'ן וועט די שמחה קײַן שמחה נישט זײַן.

פּאָזשאַריק, דאָס איז געווען „רײַכערט און טשאָרנאָבראָ-דיק'ס" אַ דאָוויערענגער — אײנער פון די גרעסטע פּירמעס אין קיעוו. אַלײן איז ער געווען, אָט דער פּאָזשאַריק, אַנ'אַדרעסיט, פון יענע אַדרעסיטען, וואָס פון ערשטען קוק אויף זײ זעהט איהר, אַז די וועלט איז בײַ זײ אויך נישט קײַן איבעריגע זאַך, נישט קײַן פרוזדור, הײַסט עס . . . אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט אָט אַזעלכע פּלײַצעס, מיט אָט אַזאַ ברוסט, מיט אַ פּנים—בלוט און מילך, מיט די שטײַפע, שוואַרצע וואָנסען, וואָס האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען אַרויף, ווי זײ וואָלען געווען אָנגעקראָכמאַ-לעט, מיט דעם פּרײַען, אַביסעל נאַחאַלנעס קוק, קורץ, אַנ'אָ-דעסיט פון אָדעסיטען !

הײַנט איז דאָס געווען אַ שוט, אַ לץ, אַ ווערטעל-זאָגער און אַנ'אַקטיאָר — אײנער אין דער וועלט ! אַז ער פלעגט נעהמען נאָכמאַכען ווי דער אוריאַדניק טשעפּעט זיך צו אַ חאָחלאַטשקע אָדער ווי דער סטאַנאָוואָי רעט מיט אַ יודען, — האָט מען זיך געקײַקעלט אויף דער ערד פון געלעכטער. הײַנט האָט ער אײַך נאָכגעמאַכט, ווי אַנ'ענטעל קוואָקטשעט, ווי אַ חזיר חריוקעט, ווי אַ זעג זעגט, ווי אַ בין זשומעט , ווי אַ הונד בילט, בקיצור, דאָס איז געווען אַ יונג, וואָס מען דאַרף האָבען אין אַ געזעלשאַפט נויטיג ווי אַ ביסעל בראָנפען .

זאָג איך אָן מאַטוסעוויטש'ן נאָך אַ מאָל : „געדענקט זשע

נִישט פֿערגעסען פּאָזשאַרִיק'ן!" זאָגט ער, אִיך דאַרף אִיהם נִישט דערמאָהנען. ער וועט מאָרגען זײַן אויף דער לִינִיע, וועט ער שוין אַלעמען אָנזאָגען.

— און זאָגט אָן, — זאָג אִיך, — פֿונדעסטוועגען, בּרוידאַ'ן אַלײַן אויך.

— וואָס אַהרט אײַך, — זאָגט ער, — אִיך שִׁיק אִיהם מאָרגען אַ טעלעגראַמע: „ווסיאַ לִינִיאַ ק'וואַס נאַ סעודה!", און זאָל ער גרײַטען פֿישׁ מִיט קרעפּלעך. טשאָרט וואָזמִי! מ'וועט אַ לעק טהון! און נִישט געזאָרגט: „פּערעמעליעטסיאַ — מוקאַ בּודיעט".

II.

אַ סעודה האָט אונז בּרוידאַ געמאַכט כּיד המלך. די טײַערע פֿישען מִיט די מאַראַנאַטען, מִיט די געבּראָטענס, מִיט אַזעלכע קאָמפּאָטען, מִיט אַזעלכע און אַזעלכע עופֿות, מִיט אַזעלכע געפֿיהלעכצען . . . הײַנט וואָס פֿאַר אַ ווײַנען, מִיט וואָס פֿאַר אַ קאָניאַקען, מִיט וואָס פֿאַר אַ לִיקערען! דאָס רוב פֿון אונז האָבען אַפֿילו די נעמען זײערע נִישט געקענט אויסרעדען. אַלץ עפּעס אַזעלכע פֿערדרעהטע, אויסלענדִישע... און אַז מען נעהמט פֿון דעם סאָרט אַ קאַפּעטשקע, און מען פֿערזוכט פֿון יענעם סאָרט אַבּיסעלע, ווערט אִין קאָפּ אַ ווִינדמִיהל, די צונג הויבּט אָן צו פּלאָנטערן און די פֿיס הויבען זִיך פֿון זִיך אַלײַן.

נאָר שטאַרק צולאָזען זִיך האָט מען פֿונדעסטוועגען זִיך נִישט. וואָרום ווי בּגילופֿין דער עולם אִיז נִישט געוועזען, האָט יעדערער געדענקט, אַז ער אִיז אָהן פּראַוועס און אִיז אִין קורסק, און טאָמער האָט זִיך עמִיצער אויף אַ ווײַלע פֿערגעסען און

געװאָלט חאַפּען אַ טענצעל, האָט איהם דער בעל-הבית רעָרמאָהנט.

— גאָספּאָדאַ!—האָט ער געבעטען, — אַבּיסעלע שטילער. װאָס איהר װילט אין דער װעלט, נאָר נישט טופּען מיט די פּים. עס װאָהנען דאָ אױפ'ן הױף אַלערלײַ נפשות, ס'איז רעכט מען זאָל געבען װיסען אין אוטשאַסטאָק אױך.

— נאַפּליעװאַט! — האָט מאַטושעװיטש ברײט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, — הוליעט יודען! פּערעמעליעטסיאַ — מוקאַ בּודיעט!...

אָבער בּרױדאַ האָט נישט דערלאָזען.

אַלץ יאָ, נאָר נישט טאַנצען.

אַגב איז דער עולם גופא נישט געװען איבּריג אױפגערױמט: ס'האָט געפעהלט פּאָזשאַריק. און אָהן פּאָזשאַריק'ן קען קײַן עכט טענצעל נישט זײַן.

אַ שענער ראַספּאָריאַדיטעל!—האָבען מיר געהאַט טענות צו מאַטושעװיטש'ן, נעהמט זיך אונטער צו ברענגען פּאָזשאַריק'ן, און צום סוף האָט ער איהם אַפילו פּערגעסען צו זאָגען.

— װאָס, פּערגעסען צו זאָגען?!—האָט זיך מאַטוסעװיטש בעלײַדיגט,—דרײַ מאָל אָנגעזאָגט. ער האָט געגעבען אַ װאָרט צו קומען אױף געװיס. אַ פּאַרך אַ יונג—האַלט קײַן װאָרט נישט. נאַקאָניעץ, אַז אָהן פּאָזשאַריקען איז װאָס? הוליעט, בּרידער! פּערעמעליעטס יאַ—מוקאַ בודיעט"!...

און האָט גענומען זינגען אַ פרעהליכס. אײניגע האָבען איהם אונטערגעחאַפּט. אָבער ס'האָט זיך עפּעס נישט געקלעבט. דאָ זינגט מען אַ האָפּקע און דאָ ציהט מען אַ טרױעריג ניגונ'דעל. עס הערט זיך אַ יודישער קרעכץ אױך...

און דער בעל־הבית זיצט אויבען־אָן, ברייטליך צולעגט אויפ'ן שטוהל און בעט:

— גאָספּאַדאַ! נעהמט צו ביסלעך. אוגאָשצאַיעט זיך אַביסעלע שאַרטרעז, בענעדיקטין, ליקער־קאַקאַאָ...

און מען זאָל פּרובירען פון דעם סאָרט און פון יענעם סאָרט—ער לאָזט נישט אָב.

נעהמט מען וויטער צו ביסלעך און אָבער צו ביסלעך, ביז דער עולם איז אויף אַנ'אֶמת בעסנאָסקעט געוואָרען און ס'איז געוואָרען אַביסעל לעבעדיגער.

מיט אַמאָל — אַזייגער איינס האָט עס געמוזט זיין — מיר הערען אַ קלונג.

ווער קען דאָס זיין אַזוי שפּעט? — איז דער בעל־הבית געוואָרען אי נייגיעריג, אי אונרוהיג אַביסעל.

— כ'וועל מיך וועטען, אז דאָס איז פּאָזשאַריק — רופט זיך אָן מאַטוסעוויטש.

ערשט, עס געהט אַריין דאָס הויז־מיידעל אין איהר שוואַרצען קלייד מיט'ן ווייסען פאַרטוכעל און מיט די צוויי שלייפען, ווי ד, הערנער, אויפ'ן קאָפּ, און רוימט עפּעס איין דעם בעל־הבית אויפ'ן אויער.

ער איז בלאַס געוואָרען, אויפגעשפּרונגען און אַ זאָג געטהון:

— גאָספּאָדאַ!...

נאָר באַלד האָט ער זיך אַ קעהר געטהון צו דעם מיידעל:

— גוט, כ'וועל באַלד אַרויס; בעט אויפוואַרטען.

ווי נאָר דאָס מיידעל איז אַרויס, האָט ער זיך ווידער אַ קעהר געטהון צו אונז:

גאָספּאָדאַ! האָט ער אונרוהיג געזאָגט—פּאָליציי איז געקו־
מען... כ'האָב געזאָגט, מען זאָל נישט אַזוי טומלען... נאָר זייט
נישט אַזוי אויפגערעגט. בלייבט רוהיג אויף אייערע ערטער און
איך וועל פּרובירען איינאָרדנען די זאַך...

איהר קענט זיך פאָרשטעלען, ווי מיר האָבען זיך בעת
מעשה דערפיהלט. טאָמער האָט ביי אונז אַביסעל געראָשט אין
די קעפּ פון אַן'איבריג גלעזעל ווײַן, איז עס גלייך אויסגעוועבט
געוואָרען, ווי מיר וואָלטען קיין ווײַן נישט פערזוכט אפילו.

נאָר דער גרעסטער רחמנות איז געווען אויף ברוידאַ'ן: מיט
א מינוט פריהער איז ער געזעסען ברייט צולעגט, מעשה פערזע־
גילדיגע און גאַסטפרײַנדליכער בעל־הבית, און האָט שטאַרק
הנאה געהאַט, וואָס אַזוי פיעל יודען־סוחרים, עקספּערטערען,
מעקלערס, זיצען אין זײַן רײַך־מעבלירטען עס־צימער און לאָזען
זיך וואויל געהן אויף זײַן חשבון—אויפ'ן גביר'ס חשבון—און מיט
אַמאָל, קומט עפּעס אַ קלײנער פּאָליצייסקי, וואָס געוועהנליך קומט
ער איהם „פּאָזדראַוועו ס'נאָווים גאָדאָם" און וואַרט ביז ער וועט
איהם אַרויסשיקען אַ צעהנערעל „נאָוואָגאָדנע", און צושטערט איהם
די גאַנצע שמחה, מיט דער גאַנצער הנאה, און וואַרפט איהם
אַראָב פון זײַן גאַנצער גדלות. איהם האָט, נאַטירליך, נישט
געאַהרט די פּאָר הונדערט רובל שטראָף, וואָס ער וועט דאַרפען
בעצאָהלען—אַ ווערדע ס'האָט ביי איהם דרײַ מאות! — נאָר
ס'האָט איהם נישט געפּאַסט, אַז ביי איהם, מאַרקוס אַראָנאָוויטש
ברוידאַ, זאָל מען „נאַקראָיען" פּופּצעהן בעזפּראַוונע אידען,
„זײַצעס".

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אין טהיר געוויזען אַני־
אָקאָלאָדאָטשנער מיט שוואַרצע וואָנסען און מיט אַ קלײן שוואַרץ

רוסיש בערדעל און מיט אַ פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם. הינטער איהם איז נאָכגעגאַנגען ברוידאַ — נאָר אַנ׳אַנדער ברוידאַ מיט אַנ׳אַנדער גאַנג, און מיט אַנ׳אַנדער פּנים: וואו די ברייטקאַפּ זיינע, וואו זיין קעהר?! אַ קלענערער גאָר און אַ פערשעמטער, פּונקט מען וואָלט איהם דאָ געחאַפּט ווער ווייסט ביי וואָס פאַר אַ פערברעכען.

— דאָס זענען דאָך אָבער אַלץ מיינע געסט—האָט חניפה׳דיג, אַריינקוקענדיג דעם אָקאָלאָראָטשנעם אין די אויגען, ברוידאַ ערקלערט—זיי זענען דאָך נישט געקומען אהער נעכטיגען... לאָמיר ענדיגען די זאַך צווישען זיך, גאָספּאָדין פּאָרוטשיק, האַ?...

— אָבער ווי קען איך, גאָספּאָדין ברוידאַ? — האָט דער אָקאָלאָדעטשנער צופיהרט מיט די הענד, — פערשטעהט אַליין: מען דערלאַנגט צום פּאָליצייםייסטער אַ דאָנאָס, אַז דאָ אין אוטשאַסטאָק האַלטען זיך שטענדיג אויף, נישט קיין צוגעשריבענע ודען, מיט דעם וויסען פון דער אוטשאַסטאָקווער פּאָליציי, וואָס נעהמט, בודטאָ, געלד און קוקט דורך די פינגער. שיקט דער פּאָליצייםייסטער מיך, אַ פּאָליציישקע טשין פון אַנ׳אַנדער אוטשאַסטאָק, איך זאָל פּראָווערייען די זאַך. איך קום צוגעהן און געפין אַ גאַנצע סבאָרישצע נישט קיין צוגעשריבענע אידען. און מיט אַ מאָל וועל איך קומען און דאָלאָזשען, אַז אַלעס איז אין אָרדנונג. איך טאָר דאָך דאָס נישט טהון „פּאָ דאָלגו פּריסיאַגי״... און מען קען זיך טאַקי דערוויסען אויך... ווי מיינט איהר, מען וועט מיר דערפאַר אַ גלעט טהון איבער׳ן קעפּעל, האַ? ניין, צום בעדויערן, קען איך גאָרנישט מאַכען.

און גיט זיך אַ קעהר צום גאָראָדאָוואָי, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר:

— בעֶרעֶזעֶנקאָ! גיב אַכטונג קיינער זאָל נישט אַרויסגעהן...

און איצט, מיינע העררעֶן, האָט עֶר זיך אומגעֶקעֶהרט צו אונז — פּרעֶדיאַוועֶט אַייערעֶ דאָקומענטעֶן.

— אַייעֶר נאָמעֶן! — האָט עֶר אָנגעֶהויבעֶן פון חײַמאָוויטש'ן.

— נתנ'ט איהם אַ כ"ה'עֶר — האָט אַ זאָג געֶטהון מאַטוסעֶוויטש.

— יעֶנעֶר וויל קיין חמישים'עֶר נישט נעֶהמעֶן — מאַכט ברוידאַ — איהר הערט דאָך, אַז דאָס איז אַ קנעֶפּעֶל גאָר פון אַנ'אַנדעֶר אוטשאַסטאָק. מיט מיינעֶם וואָלט איך פאַרטיג געֶוואָרעֶן איינס און צוויי. און עֶר וואָלט גאָר נישט געֶקומעֶן אויך: עֶר איז אַ גרויסעֶר לקחן, אָבעֶר עֶר זאָגט פריהעֶר אָן ווען מעֶן וועֶט קומעֶן מיט אַ וויזיט... האָט מעֶן אָבעֶר, ווי איהר הערט, פערשאָטעֶן.

איך וואָלט אַייך געֶוואונשעֶן אַ קוק טהון דאַמאַלס אויף אונזעֶרעֶ פּנים'עֶר, אויף די פּנים'עֶר פון פּופּצעֶהן יודעֶן, וואָס זיי שטעהט פאָר אָבגעֶריסעֶן צו ווערעֶן פון זייערע געֶשעֶפטעֶן און פונאַנדערגעֶשיקט צו ווערעֶן יעֶדעֶר אין זיין ראַחמאַסטריוווקעֶ אָדעֶר אין זיין זשמערינקעֶ! מיר דוכט, אַז איהר וואָלט עֶס קיינמאָל נישט פערגעֶסעֶן.

און דעֶר אָקאָלאָדאָטשנעֶר טהוט זיך זיין זאַך: עֶר פרעֶגט וועגעֶן פּראַוואָזשיטעֶלסטוואָ, און אַז מעֶן הויבט אָן צו ענטפעֶרעֶן די געֶוועהנליכעֶ תירוצים: „ערשט געֶקומעֶן... אַ דורכפאָהרעֶר", — רעֶדט עֶר נישט די אַנדערעֶ צוויי ווערטעֶר, פערשרייבט דעֶם נאָמעֶן און וועֶנדעֶט זיך צום צווייטעֶן:

— אַייעֶר נאָמעֶן!...

— פאַרטיג געֶוואָרעֶן מיט פערשרייבעֶן די נעֶמעֶן, האָט עֶר

אריינגעלעגט דעם צעטעל אין פאָרטפעל אריין און אַ זאָג געטהון.

— נו, גאָספּאָדאַ סאָבּיראַיטיעס!

מיר זאָלען זיך, הייסט עס, מכין זיין אין וועג אריין.

נאָר קיינער איילט זיך נישט אויפצוהויבען זיך, פון אָרט. און בּרוידא דרעהט זיך דערווייל אַרום איהם, פּרובּירט זיך אַזוי און אַזוי, גיעט איהם אָנצוהערעניש מכּח אַ מאה, וואָס לאָזט זיך לייכט פערדיענען — עס נעהמט נישט! פאַלט ער מיט אַ מאָל אויפ'ן שכל פאָרצולעגען איהם מאַכען אַ שנאַפּס.

— אֶפשר, — זאָגט ער, — וועט איהר מיט אונז חאַטש אויסטרינקען, גאָספּאָדין קאַפּיטאַן? — ער מאַלט איהם שוין גאָר פאַר אַ קאַפּיטאַן—אַ גלאָז ווײַן, אַ קאָניאַק, אַ ליקער, אַ שאַרטרעז, אַ בּורגאָנדע, אַלטען אונגאַרישען?...

זיין כּוונה איז געוועזען: זאָל ער נאָר ווערען אַבּיסעל מלא, און אַ פּאָניע האָט אַ טבע, אַז ווען ער איז מלא, קאָן מען מיט איהם אַלץ מאַכען.

— אויסטרינקען אַ גלעזעל קען מען — האָט דער ניי-געבּאַקענער קאַפּיטאַן נישט געלאָזט זיך בּעטען.

און די אויגען הויבען בּײַ איהם שוין אָן צו גלאַנצען, נאָך איידער ער האָט גענומען אַ טראָפּען.

האָט איהם בּרוידאַ אַליין אָנגעגאָסען אַ גרויסען בּאָקאַל פון דעם גאַנץ אַלטען ווײַן, וואָס טרינקען טרינקט ער זיך ווי בּוימאייל—איהר פיהלט איהם גאָרנישט — נאָר פונאַנדערנעהמען נעהמט ער אייך פונאַנדער ערשט דערנאָך, עס ווערט אייך מאָדנע וואַרעם אין אַלע אבריס און איהר בּלײַבּט זיצען, פּונקט מען וואָלט בּײַ אייך אַלע בּיינער אַרויסגענומען פון גוף און אָנגעשטאָפּט איהם מיט וואַטע.

— פֿערזוכט נאָר מײַן ווײַן, אֶמת׳ער אויסלענדישער ווײַן, צוועלף רובל אַ פֿלאַש, גאָספּאָדין שטאַבּס־קאַפּיטאַן.

דער „שטאַבּס־קאַפּיטאַן" האָט אויפֿגעהויבּען דאָס גלאָז, בּעטראַכט דעם ווײַן געגען ליכט, עפֿענט אויף אַ מויל און הויבּט מיט אַמאָל אָן צו רעדען אין ײַנעם יודיש, סאַמע פּשוט׳ן מאַמע־לשון, נאָר מיט דער אָדעסער, אויסשפּראַכע.

— לחיים, ייִדען! — מאַכט ער, — און לוז גאָט גיבּען, מיר זאָלען קײנמאָל מעהר נישט וויסען פֿון קײַן המנ׳ס אין פֿון רעוויזיעס מיט אָבּלאַוועס אויף ייִדען, אָמן!..

ווען מיר דערהערען אַ קאָזאַק מעבּיר־סדרה זײַן, וואָלטען מיר זיך אַזוי נישט פֿערוואונדערט, ווי מיר האָבּען זיך פֿערוואונ־דערט, דערהערענדיג דעם אָקאָלאָדאָטשני מאַכען אַ לחיים אויף מאַמע־לשון. מיר האָבּען אויפֿגעריסען די מײַלער מיט די אויגען און גענומען קוקען פֿריהער אײנער אויף דעם צווייטען, דערנאָך אויפֿ׳ן „קאַפּיטאַן", פֿון קאַפּיטאַן צו בּרוידאַ׳ן און ווידער אַמאָל אײנער אויפֿ׳ן אַנדערן: וואָס איז דאָס, הייסט עס, אַ שד, אַ רוח, אַ פֿערשטעלעניש?

דער אָקאָלאָדעטשנער, ווידער, האָט אַרײַנגעגאָסען דאָס גלאָז ווײַן, קוקט אויף אונז און קײַכט זיך פֿון געלעכטער.

— ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, דאָס איז פּאָזשאַריק! — האָט זיך מאַטוסעוויטש דער ערשטער געחאַפּט. — איהר דער־קענט נישט זײַן שטימע? אײַ, פּאָזשאַריק ממזר! אַ „אַ לץ! אָט דאָס הייסט אָבּשפּיעלען אַ קאָמעדיע!

— טאַקי פּאָזשאַריק!

און ס׳איז געוואָרען אַ הוראַ מיט אַ געלעכטער, מיט אַ געשריי — די שטובּ האָט זיך געלעגט.

איצט האָט זיך יעדערער דערמאָנט, אַז ער האָט פון אָנ־הויב אָן דערקענט, אַז „ס'איז אַ פערשטעלטע זאַך", אַז דאָס קול איז איהם אויסגעקומען בעקאַנט, אַז ער האָט דערקענט אין די אויגען, אַז דאָס זענען פּאָזשאַריק'ס אויגען. הכלל, יעדערער איז געוואָרען אַ חכם, אַ נבון און אַ בריה, אָבער אַביסעל צו שפּעט...

לאָזט זיך אויס, אַז דעם לץ האָט זיך פערגלוסט אָבשפּיעלען מיט אונז „אַ פורים־שפּיעל", איז ער אַוועק, וואו מען גיעט זאַכען אויף פראָקאַט פאַר מאַסקאַראַדען, האָט גענומען אַ פּאָלי־צייסקי'ן מונדיר אויף פּראָקאַט, האָט זיך פערגרימירט און איז געקומען אונז „אַביסעל איבערשרעקען". ער האָט געוואוסט, זאָגט ער, אַז ס'וועט זיין „אַ סטראַשנע פרעהליך שפּיצעל".

האָט איהר שוין געהערט אַנ'איינפאַל פון אַ לץ!

— און וואָס,—פרעגען מיר,—איז דאָס פאַר אַ גאָרדאָוואָי?

דאָס איז,—זאָגט ער, — דער אַרטעלשציק פון אונזער קאַנטאָר, בערעזענקאָ. איך האָב איהם אויך איבערגעטהון. שיקט איהם אָקאָרשט אַרויס אין אַ רעלטען שנאַפּס מיט פערבייסען.

— צימבעלט איהם אַריין פאַר אַזאַ שוטקע—האָט אַ זאָג געטהון מאַטושעוויטש.

— ציהט איהם אויפ'ן טיש.

— די הערצער זענען אונז איינגעפאַלען. ט'איהר געזעהן אַ חכמה! שמייסען!—האָבען אַלע מסכים געווען.

אָבער דער עולם איז נאָך אַלעמען געווען אַזוי צופריעדען און אַזוי גליקליך, וואָס דאָס האָט זיך אויסגעלאָזען „נישט מעהר ווי אַ שוטקע, אַז מען האָט איהם פון גאַנצען האַרצען מוחל געווען די שרעק מיט די האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס מען האָט נאָר

וואָס איבערגעלעבט און מען האָט זיך גאָר אויף דאָס ניי גענומען צו די גלעזלעך.

עס געהען נישט פערביי קיין צוואַנציג מינוט, ערשט דאָס הויז-מיידעל געהט ווידער אַריין און דערלאַנגט פּאָזשאַריק'ן אַ צעטעלע.

— דער שטאַרשי אָקאָלאָדעטשני פון אונזער אוטשאַסטאָק איז געווען אונטען אין הויף, און האָט דאָס אַרויפגעשיקט אַהער מיט'ן דוואָרניק. געהייסען אָבגעבען אייך אין האַנד אַריין, באַרין.

דער עולם איז ווידער בלאַס געוואָרען און האָט זיך איבערגעקוקט צווישען זיך. וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט דער אָקאָלאָדעטשני מיט פּאָזשאַריק'ן? פּאָזשאַריק איז מיט די אויגען שנעל דורכגעלאָפען דאָס צעטעלע און האָט זיך הויך צולאַכט.

— גאָספּאָדאַ! וואָס איז דאָס? וואָס טהוט זיך דאָ? אָט דאָס איז אַ פּאָטיעהע מיט אַ געלעכטער!

— נו, לעזט שוין, וואָס איז דאָרטען? — האָט מען איהם אונטערגעטריבען.

— גיכער, ציה ניט די עצמות.

— שאַט, גאָספּאָדאַ, הערט! — מאַכט פּאָזשאַריק — איך לייען.

„טייערער קאָלעגאַ! נעכטען האָב איך בעקומען פון פּאָליציימייסטער אַנ'אויסרעד דערפאַר, וואָס אין מיין אוטשאַסטאָק וואָהנען בודטאָ נישט קיין צוגעשריבענע יודען. איך וויים, ווער דאָס האָט מיר צוגעדינט מיט אַ דאָנאָסעל, נאָר דאָר איז נישט וואַזשנע. איצט בין איך געקומען מאַכען אַ רעוויזיע אין די יודישע וואָהנונגען דאָ אויפ'ן הויף. דערווייסענדיג זיך אָבער פון דוואָרניק, אַז דאָ איז שוין פאַרהאַן אַ „נאַריאַד" פּאָליציי, פערשטעהע איך, אַז מען האָט מיך גע'מסר'ט, אַז איך נעהם וזיאַטקעס ביי יודען

און לאָז זײַ פֿרײַ וואָהנען, און דעריבער האָט מען געשיקט אַ אָקאָלאָדעטשנעם פֿון אַנ'אַנדער אוטשאַסטאָק צו „נאַקראָיען" מיך, ווי אונזער אַלטער האָט אָפּט ליעב צו טהון. וועדליג דער דוואָרניק האָט מיר אָבגעמאָהלט דײַן אויסזעהן האָב איך גלײַך דערקענט, אַז דאָס ביזט דו, קאָסטיאַ שאַראַפּאָוו, פֿון דריטען אוטשאַסטאָק. אַלזאָ, בעט איך דיך, ליעבער קאָסטיאַ, טאָמער איז דאָ ניט אַלץ אין אָרדנונג, — פֿערשיט מיך ניט פֿאַר'ן אַלטען. קאָנסט זיכער זײַן, אַז בײַ אַ געלעגענהײַט, ווען מען וועט מיך שיקען אין דײַן אוטשאַסטאָק, וועל איך דיר אָבדיענען. דײַן מישאַ פּאָסטניקאָוו".

דער הוראַ, מיט דעם בראַוואָ, מיט דעם געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכען, האָט אויף אַנ'אָמת געקענט אַראָבברעכען די פּאָליצײַ. נאָר איצט האָט שוין אַפֿילו דער בעל-הבית ניט געשטערט צו שרײַען און פֿרעהליך מאַכען זיך. פֿאַר הײַנטיגער נאַכט איז ער שוין רוהיג געווען.

— זעהט איהר, אַז פֿון פּאָזשאַריק'ס שוטקע האָט זיך פֿאַר אונז אויסגעלאָזען די גרעסטע טובה—האָט מאַטושעוויטש אַלעמען איבערגעשריען — כ'האָב אײַך געזאָגט: יודען, ניט געזאָרגט: „פּערעמעליעטסיאַ—טוקאַ בודיעט"!...

איצט האָט זיך די סעודה אָנגעהויבען נאָר אויף דאָס נײַ און אויף אַנ'אָמת פֿרעהליך.